**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/05/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז טשעקס זענען אויפ'ן וועג צו ניו יארקער וועלכע באקומען טשיילד טעקס קרעדיט באצאלונגען**

***צוגעקומענע באצאלונג טשעקס וועלן אנהויבן דערגרייכן פאסטקעסטלעך דעם וואך***

***350 מיליאן דאלער אין דירעקטע פינאנציעלע הילף פאר נידריג - און מיטל-איינקונפט פאמיליעס***

***איבער 1 מיליאן פאמיליעס וועלן באקומען א צוגעקומענע באצאלונג פון מערסטנס $330 דאלער פאר יעדע קינד דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט האט אפיציעל אנגעהויבן ארויסשיקן אומגעפער 350 מיליאן דאלער אין צוגעקומענע באצאלונגען פאר נידריגע- און מיטל-איינקונפט פאמיליעס פון ארום די גאנצע סטעיט דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פראגראם. די ערשטע רונדע פון טשעקס איז היינט געווארן ארויסגעשיקט און וועט אנהויבן אנקומען אין דערהאלטערס' פאסטקעסטלעך דעם וואך. טשעקס וועלן ווייטער ווערן ארויסגעשיקט לענגאויס די קומענדיגע צוויי וואכן, און ביז די ענדע פון די מאנאט וועלן איבער1 מיליאן בארעכטיגטע פאמיליעס באקומען ביז $330 פאר יעדע קינד - אן זיך דארפן איינגעבן דערפאר.

"אין צייט וואס ניו יארקער הויבן אן איינקויפן זאכן פאר זייערע קינדער פאר דעם נייעם שולע יאר, לייגן מיר צוריק אריין אביסל געלט אין זייערע טאשן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיינע מענטשן מאכן זיכער אז די צוגעקומענע באצאלונגען קומען אן צו יעדע בארעכטיגטע ניו יארקער - און איך וועל ווייטער ארבעטן יעדן טאג צו אדרעסירן די לעבנס קאסט פאר עלטערן וואס ארבעטן לענגאויס אונזער גאנצע סטעיט."

מען שיקט ארויס די טשעקס אויף א ראטע פון איבער100,000 טשעקס א טאג צו זיכער מאכן אז אלע בארעכטיגטע פאמיליעס באקומען זייערע צוגעקומענע באצאלונג באצייטנס. בארעכטיגטע פאמיליעס דארפן גארנישט טון צו באקומען די איין-מאליגע באצאלונג. עס ווערט געגעבן פאר ניו יארק שטייער-צאלער וועלכע האבן שוין אמאל באקומען אן עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פון כאטש$100 אויף זייער 2023 שטאטישע טעקס ריטוירנס.

די באצאלונגען לויפן צווישן 25 פראצענט און 100 פראצענט פון די צאל וואס א שטייער-צאלער'ס עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט האט באקומען פאר שטייער יאר2023. די העכסטע באצאלונגען פון ביז $330 דאלער א קינד וועט גיין פאר די מיט נידריגע איינקונפטן. מער אינפארמאציע איבער צוגעקומענע באצאלונגען זענען [דא צו באקומען דא.]()

די צוגעקומענע באצאלונגען ווערן געמאכט לויט אן אפמאך צווישן די גאווערנער און סטעיט לעגיסלאטור פירערס פריער אינעם יאר צו באשטימען אומגעפער350 מיליאן דאלער אין צוגעקומענע פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר יעצטיגע ערהאלטער פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט.

**אויסברייטערן טשיילד טעקס קרעדיטס פאר מער פאמיליעס וועלכע ארבעטן**

די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט איז א שטייער קרעדיט וואס מען קען צוריקבאקומען פאר איינקונפט-קוואליפיצירטע ניו יארקער מיט קינדער. אין 2023, האט גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור אויסגעברייטערט די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אריינצונעמען קינדער אונטער פיר יאר אלט, זייענדיג גינסטיג פאר נאך אומגעפער 600,000 קינדער א יאר. פריער דעם יאר, האבן די איבער 1 מיליאן פאמיליעס וואס זענען בארעכטיגט פאר די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אנגעהויבן באקומען הונדערטער מיליאנען דאלארן אין שטייער קרעדיטס באזירט אויף זייער 2023 שטייער פיילינג. מער אינפארמאציע איבער דעם קרעדיט איז [דא צו באקומען דא](#).

**שיקן פינאנציעלע הילף פאר ניו יארקער וואס ארבעטן**

גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור האבן איבערגעגעבן אן אומשאצבארע דרגה פון פינאנציעלע שטיצע פאר נידריג- און מיטל-איינקונפט ניו יארקער איבער די לעצטע צוויי יאר. איבער 2.6 ביליאן דאלער איז געגעבן געווארן דורך צוגעגעבענע באצאלונגען און סעיווינגס פראגראמען פאר מיליאנען ניו יארק שטייער-צאלער זינט 2022.

דאס שליסט איין די 2022 היים אייגנטומער שטייער אראפרעכענונג קרעדיט, די 2022 צוגעגעבענע פארדינטע איינקונפט שטייער קרעדיט און עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט באצאלונגען, דאס אז מען האט אפגעשטופט די 2022 גאז שטייער, די 2023 אויסברייטערונג פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט און די מערסט לעצטיגע רונדע פון עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט צוגעגעבענע באצאלונג וואס מען האט אנאנסירט לעצטע וואך.

**העלפן מער פאמיליעס וואס ארבעטן באצאלן פאר טשיילד קעיר**

גאווארנער האקול האט אויך לעצטנס אנגעהויבן [ny.gov/childcare](https://ny.gov/childcare) - א דיגיטאלע פארטאל צו העלפן מאכן אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר מער ערמעגליכט דורכאויס די סטעיט פאר בארעכטיגטע פאמיליעס דורך ניו יארק סטעיט'ס טשיילד קעיר הילפס פראגראם (Child Care Assistance Program, CCAP). די נייע איניציאטיוו פאלגט נאך א היסטארישע 1.8 ביליאן דאלאר סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין CCAP פארזיכערט דורך גאווארנער האקול אין די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט. CCAP דעקט איבער 90 פראצענט פון מארקעט ראטע טשיילד קעיר קאסטן פאר מער בארעכטיגע פאמיליעס, און מערסטע פאמיליעס פון פיר צאלן נישט מער ווי $15 א וואך פאר טשיילד קעיר.

די גאווערנער האט שוין פריער געארבעט מיט די לעגיסלאטור איבערצוארבעטן די טשיילד קעיר סיסטעם און מאכן, היסטארישע, געוואלדיגע אינוועסטמענטס, אריינגערעכנט א פיר-יאר, 7 ביליאן צוזאג צו פארבעסערן די טשיילד קעיר הילפס פראגראם, אויסברייטערן איינקונפט בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר הילף צו איבער האלב פון יונגע קינדער אין ניו יארק, העכערן שטאטישע צוריקבאצאלונג ראטעס פאר פראווײדערס אויסצוברייטערן די נומער פון פראגראמען פון וועלכע פאמיליעס קענען אויסוועלן, אינוועסטירן 50 מיליאן דאלער אוועקצושטעלן א טשיילד קעיר קאפיטאל פראגראם, אינוועסטירן 343 מיליאן דאלער צו סטאביליזירן פראגראמען וואס זענען אין געפאר זיך צו פארמאכן און שטיצן די טשיילד קעיר ארבעטסקראפט, און אינוועסטירן 15.6 מיליאן אויסצוברייטערן טשיילד קעיר צו אלע SUNY און CUNY קאמפוסעס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](https://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK

צו 81336

זיך ארויסשרייבן